בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וישלח תשפ"ב** **גליון 624 [שנה י"ג]**

**פארוואס האט יעקב מורא געהאט?**

וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל עֵשָׂו אָחִיו אַרְצָה שֵׂעִיר שְׂדֵה אֱדוֹם: וגו' וַיָּשֻׁבוּ הַמַּלְאָכִים אֶל יַעֲקֹב לֵאמֹר בָּאנוּ אֶל־אָחִיךָ אֶל עֵשָׂו וְגַם הֹלֵךְ לִקְרָאתְךָ וְאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ עִמּוֹ: וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ: (לב ד–ח) פרעגט דער אברבנאל אז יעקב האט געשיקט מלאכים צו עֵשָׂו אָחִיו, און צו אַרְצָה שֵׂעִיר, און צו שְׂדֵה אֱדוֹם, אבער עס שטייט נאר אז זיי זענען געגאנגען צו עֵשָׂו אָחִיו, און נישט צו אַרְצָה שֵׂעִיר, און שְׂדֵה אֱדוֹם? און ער ענטפערט אז באמת האט יעקב זיי געשיקט זוכן עשו פריערט אין שעיר און אויב נישט דארט, זאלן זיי זוכן אין שְׂדֵה אֱדוֹם, אבער וואס נאר די מלאכים זענען געגאנגען זוכן עשו, און ווי נאר האבן זיי אים גלייך געטראפן, וְגַם הֹלֵךְ לִקְרָאתְךָ, האבן זיי שוין נישט געדארפט גיין ווייטער זוכן עכ"ד. אבער מען קען פרעגן פארוואס האט יעקב פונקט יעצט מורא געהאט? (המו"ל) נאר מען קען זאגן אז יעקב האט געזאגט די מלאכים צו גיין אין דריי ערטער ווייל פון גיין צו עשו אליין און אים אנקוקן צו זען צו ער נעמט זיי אויף שיין, איז נאך נישט א ראיה אז ער איז בשלום, ווייל ער קען נאר ווייזן א פנים אזוי, דעריבער האט יעקב זיי געשיקט צו אַרְצָה שֵׂעִיר און שְׂדֵה אֱדוֹם, דארטן קענען זיי זיך גוט נאך פרעגן וואו עשו האלט מיט יעקב, אבער אז די מלאכים זענען נאר געגאנגען צו עשו, און אט קומט ער אנקעגן יעקב מיט 400 מענטשן, און אויב ער מיינט גוטס קען ער דאך קומען מיט אפאר מענטשן, דעריבער האבן זיי נישט געדארפט גיין ווייטער, און וועגן דעם וַיִּירָא יַעֲקֹב, יעקב האט מורא געהאט. (חרש אבן, ר' משה טויב, מארגערעטן תרצ"ג)

**א שיינע פשט אויף הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶת עַבְדֶּךָ**

וַיִּשָּׂא אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת הַנָּשִׁים וְאֶת הַיְלָדִים וַיֹּאמֶר מִי אֵלֶּה לָּךְ וַיֹּאמַר הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶת עַבְדֶּךָ: (לה ה) פרעגט דער ש"ך עה"ת אז עס איז א פלא, עשו פרעגט מִי אֵלֶּה לָּךְ אויף די נָשִׁים און די יְלָדִים, און יעקב ענטפערט נאר אויף די יְלָדִים? נאר מען קען ענטפערן עס שטייט אין גמ' (סוטה דף ב ע"א) מען רופט אויס פערציג טעג פאר מען איז געבוירן ווער וועט זיין יענעמס זיווג, יעצט רש"י ברענגט אויפן פסוק וּלְלָבָן שְׁתֵּי בָנוֹת שֵׁם הַגְּדֹלָה לֵאָה וְשֵׁם הַקְּטַנָּה רָחֵל: "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" (כט יז) מענטשן האבן געזאגט אז לאה וועט חתונה האבן מיט עשו דעריבער האט זי שטארק געוויינט אז עס זאל נישט זיין אזוי, און עס שטייט אין גמ' (פסחים דף מט ע"א און ב"ב דף קכ"ג ע"א) אויב א מענטש האט חתונה מיט זיין נישט ריכטיגע זיווג האט מען נישט קיין קינדער מיט איר, [ועיין בעיון יעקב אב"ד רישא (ב"ב הנ"ל) און אוה"ח הק' (כ"ט ל') וואס רעדן וועגן דעם] קען מען זאגן אז אֵלֶּה איז די אותיות לֵאָה, אז ווען עשו האט געפרעגט "מִי אֵלֶּה לָּךְ" איז געווען זיין טענה אויף לֵאָה, ווי אזוי האסטו געמעגט נעמען לֵאָה ווען זי איז מיין זיווג ווייל הגדולה –לאה לגדול –עשו? האט יעקב אבינו געענטפערט, אז לֵאָה איז מיין זיווג און נישט דיינע, און די ראיה איז הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶת עַבְדֶּךָ, ווייל ווען זי איז נישט מיין זיווג, וואלט איך נישט געהאט קינדער פון איר, דעריבער האט יעקב נאר געענפערט אויף די יְלָדִים. (דברי מהרי"א אסאד)

**דער ענין פון ויברך אותו שם**

וַיִּשְׁאַל יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הַגִּידָה נָּא שְׁמֶךָ וַיֹּאמֶר לָמָּה זֶּה תִּשְׁאַל לִשְׁמִי: (ל"ב ל') אין די תורה הק' שטייט נישט ווער האט געבענטשט ווען. און עס איז אין דעם א מחלוקת אין די ראשונים, נאר עס שטייט אין מדרש וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ שָׁם, ברכת כהנים ברכו. צו פארשטיין וואס איז געווען די ענין פון ברכת כהנים? נאר עס שטייט וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם עִיר שְׁכֶם. (ל"ג יח) זאגט רש"י שָׁלֵם: שָׁלֵם בְּגוּפוֹ, שָׁלֵם בְּמָמוֹנוֹ, שָׁלֵם בְּתוֹרָתוֹ, (שבת לג ע"ב). אז יעקב איז געווען גאנץ אין גוף, אין זיין געלט און אין זיין תורה, און ביי ברכת כהנים זאגט מען יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ. יָאֵר ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ. יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם, יְבָרֶכְךָ מיינט מיט געלט כידוע דאס איז– שָׁלֵם בְּמָמוֹנוֹ, יָאֵר איז מרומז אויף תורה, ווייל אורה זו תורה, דאס מיינט– שָׁלֵם בְּתוֹרָתוֹ, יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ, מיינט שָׁלֵם בְּגוּפוֹ, דער אויבערשטער וועט פארגעבן יעקב ממילא וועט ער זיין געזונט, דאס איז געווען דער ענין וואס דער מלאך האט געבענטשט יעקב מיט ברכת כהנים ער זאל זוכה זיין צו שָׁלֵם בְּגוּפוֹ, שָׁלֵם בְּמָמוֹנוֹ, שָׁלֵם בְּתוֹרָתוֹ.(שמח זבולון תשפ"ב)

מדור העובדות

*****דער הייליגער חת"ם סופר האט זיך געפריידט ביי טאהן א מצוה*****

דער הייליגער חתם סופר איז געזעצן ביי אים אין צימער, און זיין הייליגער מח איז אריין געטאן אין זיין לערנען, ווען א שטילע קלאפ אויפן טיר האט איבערגעהאקט זיינע הייליגע מחשבות, ווייל דער קלאפער האט מורא געהאט אז איינער וועט עם הערן! אבער דער הייליגער חתם סופר הערט טאקע א קלאפ, און האט אויסגערופן אריין! און ווי גרויס איז געווען זיין וואונדער צו זעהן גאר דעם גרויסער געשעצטער ראש הקהל, ר' לייב, שטיין פאר אים.

ר' לייב איז געווען א למדן, און א עושר, פון די חשובע בעלי בתים אין פרעשבורג, צוליב זיינע פילע עסקנות און אנדערע שטאט ענינים דעריבער פלעגט דער ראש הקהל כסדר געקומען צום רב, און דער הייליגער חתם סופר איז שוין געווען צוגעוואוינט צו זיינע פעסטע קלאפן אין טיר, אבער יעצט איז זיין וואונדער געווען גאר גרויס ווען ר' לייב קלאפט אזוי שטיל און דער חתם סופר מערקט קלאר אז ר' לייב איז צובראכן.

ווען דער רב פרעגט פאר ר' לייב וואס איז פלוצלונג געשען? האט ר' לייב זיך מיט א צובראכענע שטימע אנגעהויבן צו דערציילן די סיבה פון זיין פלוצלינגדיגן באזוך, איך מוז דעם רב אויס זאגן א סוד וואס קיינער אין שטאט ווייסט נאכנישט, אפילו מיין ווייב האט נישט קיין אהנונג וואס איך וועל דעם רב דערציילן, און איך בין זיכער אז דער רב וועט מיר קענען געבן אן עצה און א ברכה. דער חת"ם האט אלעם אליין פארשטאנען, און לאזט ר' לייב זיך אויס גיסן זיין צובראכענעם הארץ.

ר' לייב דערציילט, "איך גיי יעצט אויסזאגן דעם רב א סוד, איך בין היינט א בלוטליכער ארעמאן! ווייל לעצטנס בין איך דורכגעפאלן מיט אפאר שלעכטע געשעפטן, און ליידער בין איך אנגעקומען צו א מצב וואס איך האלט ממש פאר באנקראט, און רבי איך האלט עס נישט אויס! און יעצט ווייסט נאך קיינער נישט, אבער אין נאך א פאר טעג קומט אן דער גרויסער יריד אין לייפציג, און אויב איך

וועל נישט פארן, וועט יעדער גלייך וויסן מיין מצב, און איך קען אפילו נישט טראכטן פון פארן, ווייל איך פארמאג נישט אפילו א פאר גראשן פאר הוצאות הנסיעה"

דער הייליגער חתם סופר נעמט זיך טראכטן פאר א לענגערע צייט, און פלוצלינג נעמט זיך דער חתם סופר זאגן, איך האב דא ליגן א פעקל מיט צען טויזנט ריינ׳ש וואס ליגט גרייט פאר מיין טאכטערס חתונה, אזוי ווי די חתונה דארף פארקומען אין אפאר חדשים ארום, קען איך אייך פארלייען די גאנצע געלט! נעמט די צען טויזנט ריינ׳ש, פאר קיין לייפציג, און דער ערשטער געשעפט וואס מען טראגט דיר אן זאלסטו שליסן אין א מזל׳דיגע שעה!"

אבער ר׳ לייב האט מורא געהאט צו נעמען די געלט, און זאגט: "איך בין היינט נישט אין א מצב אז איך זאל קענען אונטערנעמען אז איך וועל קענען אפגעבן די געלט, דעריבער ווי קען איך גורם זיין צו פארלירן געלט וואס מען דארף פאר די חתונה?" האט דער חתם סופר געענטפערט, "איך זאג דיר צו אז דו וועסט מצליח זיין! נעם די געלט, און פאר לחיים ולשלום." ר׳ לייב האט קיינמאל נישט געהערט אזא קלארן און דייטלאכע ברכה און אויך א הבטחה פון זיין הייליגן רבי׳ן, און גענומען דעם זעקל געלט און מיט ציטערדיגע הענט דאס אריינגעלייגט אין זיין טאש, און באדאנקט דעם חתם סופר.

ר׳ לייב גרייט זיך צו די נסיעה קיין לייפציג. און זיין רייכער סוחרישער קארעטע קומט אן אין לייפציג, און אזוי ווי דער הייליגע חתם סופר האט אים געזאגט, האט מען טאקע אנגעטראגן א גאר גוטן געשעפט פאר ר׳ לייב, און במשך דעם יריד האט ר׳ לייב געשלאסן איין גוטן געשעפט נאכן צווייטן און געקויפט און פארקויפט ביז ער האט אפאר מאל געדאפלט דעם סכום געלט מיט וואס ער איז אנגעקומען. און ר׳ לייב האט געטראכט צו זיך, אז די גאנצע הצלחה איז דאך געקומען נאר אין זכות פון חתם סופר, וואס זיין ברכה האט מיר געראטעוועט פון בזיונות און מיר צוריק געברענגט מיין עשירות, קען איך נישט צוריקקומען צו אים מיט ליידיגע הענט.

ווען פונקט דעמאלטס קומט צו אים א סוחר וואס פארקויפט צירונג, זאגט ר׳ לייב: "איך וועל קויפן א שיינע רינגל פאר׳ן רב׳ס טאכטער לכבוד די חתונה!" ר׳ לייב האט אויסגעקליבן א הערליכער רינגעל באצירט מיט שיינענדיגע דיאמאנטן, און מיט א פרייליכער הארץ איז ער אהיימגעפארן קיין פרעשבורג. ר׳ לייב איז מיט שמחה אריינשפאצירט צום חתם סופר אין שטוב, ווען דער רב האט געהאלטן אינמיטן זיך מפלפל זיין מיט צוויי תלמידים, און די בחורים האבן געגעבן כבוד און געלאזט דעם ראש הקהל נעמען שלום ביים ראש ישיבה, און ר׳ לייב נעמט ארויס א פעקל מיט צען טויזנט ריינ׳ש, און ער גיט אפ זיין חוב פארן חתם סופר, דערנאך זאגט ער: "רבי, איך האב געברענגט א הערליכע מתנה פאר די כלה!" און ער נעמט ארויס דעם גלאנציגן דיאמאנט רינגל.

דער חתם סופר׳ס פנים האט געלאכטן, ער האט געכאפט דעם רינגל, געלאפן צום פענסטער, און באטראכט ווי די דיאמאנטן בליטשקען, ער דאס געדרייט אויף אלע זייטן, און מיט א שטארקע פרייד אין פנים, און די צוויי תלמידים שטייען אין די זייט און זיי קענען זיך נישט בארוהיגן, רבש"ע! דער הייליגער רבי נעמט ריבית, און ער פרייט זיך גאר אזוי שטארק, ווי קען דאס זיין? אבער זייער וואונדער האט נישט אנגעהאלטן צו לאנג, ווען דער חת"ם האט זיך ארפגעזעצט, און צוריקגעגעבן דעם רינגל פאר ר׳ לייב, און זאגט די תורה לאזט נישט נעמען קיין ריבית!".

ווען ר׳ לייב איז ארויסגעגאנגען האבן די תלמידים געפרעגט, "אויב דער רבי האט נישט געפלאנט צו נעמען די מתנה פון ר׳ לייב, פארוואס האט זיך דער רבי אזוי געפרייט דערצו?" האט דער חת"ם געענטפערט. "איך וועל אייך דערציילן א מעשה":

וועז איך האב געלערנט אין פראנקפורט ביי מיין הייליגן רבי׳ן הגאון רבי נתן אדלער זצ"ל, האט זיך אמאל געמאכט אינמיטן ווינטער אז מיר האבן געדארפט ערגעץ פארן פאר א דבר מצוה, ווען אינדרויסן איז געפאלן א שניי און געווען א פראסט, אבער ווען עס איז געקומען צו א דבר מצווה האט מיין רבי נישט געקוקט אויף געלט און מען האט געדונגען א קוטשער וואס האט געבעטן א הויכן פרייז צו פארן אין אזא צייט, און מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צו מקיים זיין די מצוה. די גאנצע וועג האב איך געהאט די זכי׳ צו רעדן אין לערנען מיט מיין רבין אזוי אז מיר האבן נישט געפילט די שנייעדיגע קעלט, די תורה האט אונז דערווארעמט, אבער פלוצלונג האט זיך דער וואגן געגעבן א שטארקן שאקל, און עס האט זיך אפשטעלט.

איך האב ארויסגעקוקט און געזען ווי דער פויער שטייט און שרייט קולות אויף די צוויי דערשראקענע פערד, וואס זענען אריינגעפאלן אין א זומפ, און די קולות האט נישט געהאלפן זיי ארויסשלעפן דערפון, מיר האבן פארשטאנען אז מען דארף ברענגען הילף ארויס שלעפן די וואגן פון זומפ, האבן מיר געמוזט צוזאגן פארן פויער א סכום געלט ער זאל צוגיין צום נאנטן דארף און דינגען נאך אפאר פערד וואס זאלן צוהעלפן ארויסצושלעפן אונזער וואגן פון זומפ.

עס האט געדויערט אפאר שעה וואס מיר זענען געזעצן אין דעם קאלטע וואגן און זיך מפלפל געווען אין לערנען, ענדליך איז דער גוי אנגעקומען מיט אפאר בהמות, פלוצלונג איז דער רבי ארויסגעשפרינגען פון וואגן, און מיט א געוואלדיגע שמחה זיך גענומען טאנצן אין די שניי. איך האב נישט פארשטאנען וואס עפעס איז דער רבי פלוצלונג געווארן אזוי פריילך, "רבי, וואס איז די שמחה" האב איך געפרעגט, "דו זעהסט נישט, דער גוי האט געברענגט קיען, און עס איז כלאים! און מען טאר נישט איינשפאנען צוויי סארטן בהמות צו איין וואגן, און ווען וואלט מיר אויסגעקומען צו נזהר זיין אין די מצוה פון כלאים!" דעריבער בין איך פריילאך! דער רבי הייסט דעם גוי צוריקגיין און ברענגען נאר צוויי פערד און דער גוי האט געבעטן גרויס געלט פאר דעם און האט זיך צוריק געשלעפט אין דארף און געשאפט נאך צוויי פערד ארויסצושלעפן דעם וואגן פון זומפ.

האט דער חת"ם אויסגעפירט: איך האב זיך געלערנט דעמאלס פון מיין רבי׳ן א מורא דיגע זאך, איך האב געזען וואס עס הייסט אן אמתע שמחה של מצוה, וואס ער האט זיך אמת׳דיג געפרייט ווען מען האט די געלעגנהייט צו מקיים זיין דעם רצון פון אויבערשטן אויף אזוי ווייט אז מיין רבי האט געטאנצט אין די קאלטע שניי! און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען פאר שמחה אז ער האט די געלעגנהייט זיך אפהאלטן פון דעם איסור פון כלאים.

דאס זעלבע איז געווען מיטן רינגל, איך בין נישט קיין סוחר, דעריבער קומט מיר קיינמאל נישט אוים דער נסיון פון ריבית, דעריבער ווען עס איז מיר אזוי אומגערישט אונטער געקומען אזא געוואלדיגע מצוה, זיך צוריק צו האלטן פון נעמען ריבית, האב איך נישט געקענט צוריק האלטן מיין פרייד מקיים צו זיין אזא מצוה." וועגן דעם האב איך געקוקט און געפריידט, מיט א שמחה של מצוה.

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עם איז א שיינע מתנה***

סעט מחזורים אשכנז דפוס זיטאמיר מצט טוב ושלם $3800 ספר באלאנגט להגאון ר׳ חיים ליבשיץ מתלמידי ר׳ חיים מוואלאזין, תיקון ליל שבועות סלאוויטא תקפ"ז נדיר חסר דף האחרון $3800, 3 ספרים שייך לבעל מקדשי ה׳ וויטצן $900, תיקוני זוהר דפוס זיטאמיר $1500, קבלה עם ברכת וחתימת הגה"ק ר׳ יעקב ארי׳ מטריסק $400, ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר׳ יוחנן מטאלנא $600, ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין רב מנחם מענדל $1500, טשעק של האדמו"ר מסקולען ר׳ ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקין חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ״א, מכתב הגה"ק ר׳ משה אריה פריינד עם הגה"צ ר׳ רפאל סאלאווייטשיק $900, צוויי ספרים אויף ר׳ יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר׳ יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר׳ אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר׳ דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ׳ט $750, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר׳ יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, ספר פרקי דרבי אליעזר עם שתי חתימות הרה"ק ר׳ חיים שלמה מקאסאן, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר׳ פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר׳ יחזקאל מאוסטראוואצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר׳ הענקין, און נאך

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30**

**To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מיר האבן א רשימה פון 30 דף פון אונזער אלטע ספרים בעט דאס און מיר וועלן אייך דאס שיקן- מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט